# אַן אָפּענע טיר פאַר קינדער מיט ספּעציעלע געברויכן אין העס"ק סענטער'ס לב טובה

אברהם'לע איז אַ קלוגער, נייגעריגער פינף יעריג אינגל מיט אַ זיס שמייכל אויפן פּנים. ער האָט אַ טאַלאַנט אויסצוטרעפן און שפּילן עלעקטראָנישע האַנט שפּילן, און יאָ - אויך אָטיזם. מ'לייגט אויף אים גרויסע האָפענונגען, נאָך וואָס זיינע עלטערן האָבן אים אַריינגעשטעלט אין אַ געוואַלדיגע פּראָגראַם פאַר קינדער מיט אָטיזם ספּעקטרום דיסאָרדער אין אַ לאָקאַלע סקול. ער האָט נאָך טאַקע אַ לאַנגן וועג צו גיין, אָבער האָט געמאַכט אַ געוואַלד פאָרשריט אַדאַנק די סקול פּראָגראַם, און זיין משפּחה איז געווען האָפענונגספול פאַר זיין צוקונפט. ביז, איין טאָג ווען זיין טאַטע איז אַריין אין שפּיטאָל, און די מאַמע איז געווען אין אַ קלעם ווי אַזוי און ווער וועט זיך אָפּגעבן מיט אברהם'לען, ווען זי האָט געוואָלט ווײַלן ביי איר מאַן'ס שפּיטאָל בעט. העסק סענטער'ס לב טובה איז ב"ה געווען דער וואַרימער ענטפער.

אברהמ'לע האָט נאָך צוויי געשוויסטער, וועלכע זיינע אור־עלטערן האָבן גערן אַריינגענומען אויף יום טוב, אָבער אברהמ'לע איז געווען צופיל פאַר זיי. ביז נישט לאַנג צוריק וואָלט די מאַמע נישט אַזוי לייכט געטראָפן קיין לעזונג. צו אַלע שוועריקייטן, וואָלט זי געדאַרפט אַרומרופן בעטן טובות ביי די גאַנצע שטאָט, אַראָפּלייגן דעם שווערן מצב, מיטטיילן אַלע דעטאַלן, און אפשר וואָלט מען עפּעס געטראָפן. אַסאַך מאָל קאָסט עס אויך אָפּ גרויסע געלטער פאַר בעיביסיטינג, וואָס איז אויך נישט אַלץ עווײלעבל.

היינט־צו־טאָגס איז שוין אָבער ב"ה דאָ לב טובה, די איינציגסטע אָווערנייט 'רעספּיט' היים פאַר קינדער מיט ספּעציעלע געברויכן וועלכע ווערט געפירט דורך העס"ק סענטער.

העס"ק סענטער'ס לב טובה היים אין פלעטבוש האָט די אייגנאַרטיגע מיסיע, צו צושטעלן רעספּיט באַדינונגען פאַר קינדער ווען זייערע משפּחות שטייען אויס אומערוואַרטעטע עמוירדזשענסיס, אַזוי ווי אברהמלע'ס עלטערן.

נישט בלויז אין עמוירדזשענסיס איז לב טובה גרייט צו העלפן, נאָר אויך יעדן טאָג זענען זיי גרייט פאַר עלטערן וועלכע ווידמען זייער לעבן זיך אָפּצוגעבן מיט די ספּעציעלע קינדער, צו קענען אַראָפּנעמען אַביסל צייט זיך אויסצורוען פון די נאָכאַנאַנדע העפטיגע אַרבעט און נאָכאַנאַנדע אויפמערקזאַמקייט אויפ'ן ספּעציעלן קינד, צו קענען אָנשעפּן פרישע פיזישע און עמאָציאַנעלע כוחות, זיך ספּראַווען מיט אַ קריזיס אָדער הנאה האָבן און זיך קענען רואיג מיטפרייען מיט אַ משפּחה שמחה.

לב טובה איז שוין געווען דער ענטפער פאַר: אַ משפּחה פון אַ מיידל אין די שולע יאָרן וועלכע נויטיגט זיך מ'זאָל זיך שטענדיג אָפּגעבן מיט איר, און די מאַמע האָט געבענקט צו קענען פאַרברענגען אַ שבת ביי אַ קרוב אינאיינעם מיט איר מאַן צום ערשטן מאָל זינט איר טאָכטער איז געבוירן; אַ פרוי וועלכע האָט שוין צוואָנציג יאָר נישט געקענט פאָרן זען אירע עלטערן און געשוויסטער אין ארץ ישראל ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין איינעם וועמען זי האָט געקענט געטרויען און איז געווען אומשטאַנד זיך אָפּצוגעבן מיט איר דיסעיבעלד קינד בעת זי איז אין אויסלאַנד.

גאַנץ לעצטנס איז עס געקומען צו הילף פאַר עלטערן מיט אַ זיבן יעריג קינד וואָס ליידט אויף די ענגלמאַן'ס סינדראָם, און דאַרפן שטענדיג פלעגונג צו האַנדלען מיט די שווערע עסן און אויפפירונג פּראָבלעמען. אַדאַנק לב טובה האָבן זיי ענדליך געקענט געבן וויכטיגע אויפמערקזאַמקייט פאַר זייערע אַנדערע פיר קינדער, דורכאויס אַ דריי־טאָגיגן יום טוב. די עלטערן האָבן זיך אויסגעדרוקט אַז עס איז די ערשטע מאָל וואָס מ'האָט זיך געקענט אַראָפּלייגן ערב יום טוב רואיגערהייט, די לייכטערס האָבן געקענט ליגן טיש און מ'האָט עס נישט געדאַרפט איינשפּאַרן אין קוך, כדי ס'זאָל זיך נישט איבערקערן. דאָס זענען בלויז עטליכע פון פילצאָליגע ביישפּילן ווען די היים קומט צו הילף פאַר עלטערן מיט ספּעציעלע קינדער.

דורכאויס ניו יאָרק סטעיט איז נישט געווען אַזאַ רעספּיט היים צו באַדינען היימישע משפּחות מיט ספּעציעלע געברויכן, ביז העס"ק סענטער האָט גענומען אויף זיך די שווערע אונטערנעמונג. ר' שמואל קאַהן, העס"ק עקזעקוטיוו דירעקטאָר, האָט געשטעלט אבי סאַקס, דער אַסאָסיעט עקזעקוטיוו דירעקטאָר, אינאיינעם מיט מרס. דרוקער, די רעזידענשאָל עריע קאָאָרדינעיטאָר, אָנצופירן די קאָמיטע אָנצוהייבן פון אלף אויפצושטעלן די סאָרט הויז, וועלכע איז אַ יחיד במינה. דורכאויס חדשים האָבן זיי שטודירט און באַזוכט נישט־פּרומע רעספּיט היימען, כדי זיי אויסצושטעלן די בעסטע וואָס נאָר מעגליך נאָכצוקומען די געברויכן פון די קינדער. פון אָנהייב אָן האָט מען אויסגעפּלאַנט און מען האָט אַריינגעלייגט קאָפּ און מח אין אַלע דעטאַלן ביזן סוף, ביז די מעבל און די שפּילצייגן, זיי זאָלן זיין די בעסטע פאַר די קינדער.

נאָכן ענדיגן די פּלאַנירונג פאַזע, איז די אַרבעט פון אָנפירן די היים איבערגעגעבן געוואָרן צו מרס. פּערלמאַן, אויך אַ העס"ק סענטער רעזידענשאָל עריע קאָאָרדינעיטאָר, וועלכע האָט אַסאַך ערפאַרונג אָנצופירן היימען פאַר מענטשן מיט אַ רייע סאָרט דיסעביליטיס. זי זאָגט אַז דאָס איז געווען די שווערסטע אָבער מערסט צופרידן־שטעלנדע ערפאַרונג. אַלעס האָט זיך אויסגעצאָלט, זאָגט זי, "ווען איך האָב געזען די שיין אין די אויגן פונעם טאַטן וועלכער איז געקומען אָפּנעמען זיין קינד נאָכן קענען פאַרברענגען דעם ערשטן נאָרמאַלן יום טוב און שבת מיט זיין משפּחה אין פילע יאָרן. ער האָט נישט געטראָפן די ווערטער געהעריג צו דאַנקן מיך און די שטאַב. ער איז געווען ממש איבערגענומען פון געפילן און דאַנקבאַרקייט; ער האָט זיך אויסגעדרוקט עס איז נישט מעגליך אַרויסצוברענגען וואָס עס האָט געמיינט פאַר מיר, מיין ווייב און די גאַנצע משפּחה דאָס רואיגקייט וואָס איז געווען אינדערהיים.

לב טוב איז די ערשטע רעספּיט היים אין ניו יאָרק סטעיט אונטער פרומע פאַרוואַלטונג וואָס איז פאַסיג פאַר קינדער פונעם היימישן ציבור. עס איז שוין אַ לאַנגע צייט וואָס אידישע אַגענטורן אַנערקענען דעם שטאַרקן געברויך פאַר אַזאַ היים, אָבער דער שטאַרקער געבעט פון עלטערן דערפאַר איז איבערהויפּט שטאַרק אַרויסגעקומען דורך 'בנערינו,' העסק סענטער'ס סופּאָרט גרופּע דורך וועלכע משפּחות פון קינדער מיט ספּעציעלע געברויכן שעפּן חיזוק און הילף צווישן זיך. כמעט אַלע עלטערן אין די גרופּע האָבן גערעדט וועגן די שוועריקייטן ווען זיי באַגעגענען זיך מיט עמוירדזשענסיס אָדער אפילו שמחות, און זיי האָבן נישט קיין פּלאַץ איבערצולאָזן זייערע קינדער רואיגערהייט, אפילו נישט פאַר אַ קורצע צייט. איידער לב טובה, וועלכע האָט זיך געעפנט בעפאָר דעם פאַרלאָפענעם פסח, האָבן עלטערן פון היימישע משפּחות נישט געהאַט געהעריג וואו איבערצולאָזן זייערע קינדער רואיגערהייט אָן קיין שום זאָרגן.

עס איז ממש מנוחה ושמחה: מנוחה פאַר די עלטערן און אַ געוואַלדיגע שמחה פאַר די טייערע קינדער, וואָס עס איז צוגעשטעלט אַ היים מיט אַלע זייערע געברויכן.

עפענען און אָנפירן סיי וועלכע נייע רעזידענץ היים פאַר מענטשן מיט ספּעציעלע געברויכן איז אַלץ זייער שווער, אָבער דאָס אָנפירן אַ קורץ־טערמינינגע רעספּיט היים, מיט פאַרשידענע קינדער וואָס קומען אַריין אויף אַ טאָג אָדער אַ וואָך, איז גאַנץ אַן אַנדערע און פילפאַכיג שווערערע אונטערנעמונג פאַר די אָנפירער און סטעף.

דורכאויס די לעצטע צוואָנציג יאָר האָט העס"ק סענטער געעפנט צענדליגער רעזידענשאָל ערטער, וואָס יעדע איינע איז פאָרזיכטיג אויסגעשטעלט נאָכצוקומען די געברויכן פון די איינוואוינער וואָס וועלן דאָרט וואוינען, מיט ספּעציעלע אַראַנזשירונגען און שטאַב מיטגלידער וואָס זענען געאייגנט צו באַדינען די ספּעציפישע געברויכן פון די איינוואוינער. ביי אַ רעספּיט היים קומען אָבער אַלץ אַריין קליענטן מיט אַנדערע באַגרעניצונגען און ספּעציעלע באַדערפענישן, און דאָס פאַרלאַנגט אַ שטאַב וועלכע קענען צושטעלן כמעט אַלע סאָרט געברויכן, מיט געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט. דאָס זעלבע, פעלט אויך אויסשטעלונגען וועלכע מ'קען לייכט אַרומטוישן צו אַדרעסירן די געברויכן פון פאַרשידענע סאָרט קינדער, וועלכע קענען האָבן פאַרשידנאַרטיגע פיזישע, גייסטישע און מעדיצינישע שוועריקייטן און געברויכן.

לב טובה איז אויפגעשטעלט געוואָרן לעילוי נשמת טויבא דזשיידעל ע"ה, דורך איר משפּחה. זי איז געווען אַ פרוי וואָס איר ליבשאַפט פאַר ספּעציעלע קינדער און ערוואַקסענע איז געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון איר לעבן.

הרב שמואל קאַהן באַצייכנט לב טובה אַלס דער טייל וואָס האָט געפעלט אינעם נעטוואָרק פון אָנשטאַלטן און סערוויסעס צו באַדינען משפּחות מיט ספּעציעלע געברויכן. "עס שטעלט זיי צו די מעגליכקייט זיך צו קענען ספּראַווען מיט אומערוואַרטעטע אַנטוויקלונגען און געשעענישן, און הנאה צו האָבן פון פרייליכע געשעענישן און גלעגנהייטן צו באַרייכן זייער לעבן און צו זיין בעסערע עלטערן און זיך קענען בעסער אָפּגעבן מיט זייערע קינדער."

די רעספּיט היים קען באַדינען ביז אַכט קינדער אויף אַמאָל. צווישן די פילע איינרישונגען, שטעלט עס צו אַ ספּעציעלע מולטי־סענסאָר 'סנאָוזעלען צימער' צו העלפן טייערע קינדער זיך אויסרוען און שטאַרק הנאה האָבן און לעבעדיג פאַרברענגען זייער צייט דאָרט. די שטאַב שליסט אַריין אַ גרויסע צאָל פון די בעסטע צווישן די העס"ק קאַונסלערס און קעיר־גיווערס, וואָס באַדייט אַז עס זענען דאָ גענוג שטאַב מיטגלידער נאָכצוקומען אַלע געברויכן פון יעדעס קינד, צו פאַרזיכערן יעדנס באַקוועמליכקייטן, און צו געבן די עלטערן די רואיגקייט צו קענען אויספירן און אַנטייל נעמען אין אַנדערע פליכטן. אויך איז דאָ גרייט אַ רעגיסטרירטע נוירס וואָס גיט זיך אָפּ מיט אַלע מעדיצינישע געברויכן.

דאָקטאָר הרב חיים וואַקסלאַק, קליניקעל דירעקטאָר פון העס"ק סענטער, האָט גאָר שטאַרק אויסגעלויבט די איבערגעגעבנקייט פון די שטאַב און זייער ענטוזיאַסטישקייט צו נעמען אויף זיך די נייע שווערע אויפגאַבעס וואָס קומען מיט, מיט יעדעס קינד וואָס קומט איינשטיין אין די היים, פאַר אַ טאָג, שבת, אָדער אפילו פאַר אַ גאַנצע וואָך. עס איז זייער קלאָר אַז די קאַונסלערס זענען אַלץ פאַרנומען זיך אָפּצוגעבן מיט אַלע געברויכן פון יעדעס קינד. די אויפמערקזאַמקייט דורכאויס די גאַנצע צייט אָן אויפהער, פאַרזיכערט אַז די קינדער ווערן נישט לאַנגווייליג, איינזאַם אָדער בענקעדיג אַהיים.

אברהם'מלע - וועלכער איז צום ערשטן מאָל געקומען אין די היים ווען זיין טאַטע האָט זיך גענויטיגט אין שפּיטאָל באַהאַנדלונגען - האָט זיך צוריקגעקערט אַ צווייט מאָל צוליב פיל פרייליכערע אומשטענדן. זיינע עלטערן זענען געלאַדענט געוואָרן צו אַ בר מצוה אין שיקאַגאָ, און האָבן עטליכע וואָכן פריער זיך פאַרבינדן מיט העס"ק סענטער צו רעזערווירן אַ פּלאַץ פאַר אברהמ'לע איינצושטיין אויף שבת אין די רעספּיט היים.

בעפאָר'ן אַרויספאָרן צו שיקאַגאָ, האָט אברהמלע'ס מאַמע צוזאַמענגעפּאַקט טייל פון זיינע באַליבטסטע זאַכן מיטצונעמען פאַר די עטליכע טעג. אינאיינעם מיט זיינע קליידונגען האָט זי צוגעלייגט פאַרשידענע נאַשערייען וואָס אברהמ'לע האָט ליב, אַן אויספירליכע ליסטע פון אָנווייזונגען, אַריינגערעכנט די געוואוינהייטן וואָס אברהמ'לע האָט בעפאָר'ן גיין שלאָפן. בעת'ן אַרויסגיין פון זיין הויז, האָט אברהמלע'ס זיידע גערופן מעלדן אַז ער איז אונטערוועגנס מיט אברהמ'לע. ביים אָנקומען עטליכע מינוט שפּעטער, ווען די קאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי די הויז, האָט אים אָפּגעוואַרט אַ קבלת פּנים. יעדעס קינד און שטאַב מיטגליד פון די היים זענען געשטאַנען ביים טיר און האָבן אים אָפּגעוואַרט מיט ניגונים, האָבן געפּאָכעט מיט די הענט, און אים געהאָלפן אַריינברענגען אברהמלע'ס אַלע צוגעהערן.

ווען אַ קאַונסלער האָט לייכטערהייט אָנגעכאַפּט אברהמלע'ס הענט אים אַריינצוברענגען אין הויז, האָט ער זיך גענומען וויינען פאַר אַ מינוט, אָבער נישט פאַר לאַנג. ווי נאָר ער האָט געזען וואו ער גייט, האָט ער זיך דערמאַנט אַז ער איז שוין דאָרט געווען, און האָט זיך געפרייט צוריקצוקומען צו אַזאַ ליבליכע, געשמאַקע היים. ער האָט זיך גענומען שמייכלען און איז שנעל אַריין אין די אָפענע טיר.

פאַסיגע און געטריינטע שטאַב מיטגלידער זענען אַלץ גרייט, מיט אַ קורצע איינמעלדונג, זיך אָפּצוגעבן מיט כמעט יעדעס ספּעציפישע געברויך וואָס אַ קינד אין לב טובה קען האָבן. די שטאַב קען זיך פולקאָם אויס מיט יעדעס קינד'ס באַדערפענישן און גיסטעס, אַדאַנק אַ ספּעציעלן פּעקל פון אינפאָרמאַציע וואָס די עלטערן פולן אויס ווען מען שרייבט זיי אַריין, וואָס שליסט אַריין יעדן אַספּעקט פון דאָס קינד'ס טעגליכן לעבן, אַריינגערעכנט די עסנס וואָס דאָס קינד גלייכט, ווי אַזוי זיי גלייכן עס צו עסן, מעדיצינען און אַלערגיעס, געוואוינהייט ביים גיין שלאָפן, און זייערע באַליבטע שפּילצייגן.

יעדע זאַך אין לב טובה איז 'ספּעציעל' צוגעשטעלט. 'ספּעציעלע' מאָלצייטן ווערן צוגעשטעלט דורך אַ היימישע קעכער, נאָכצוקומען סיי וועלכע ספּעציעלע דיעטעס; די 'ספּעצילע' שטאַב וועלכע איז געלערנט איינצוגעבן סיי וועלכע סאָרט מעדיצין; די 'ספּעציעלע' פענסטערס זענען געמאַכט פון פּלעקסי־גלאָז וועלכע קענען נישט צושאָסן ווערן; אפילו די 'ספּעציעלע' טירן זענען ספּעציעל אויסגעשטעלט אַז די קינדער זאָלן נישט קענען אַליין אַרויסגיין, אָבער ווען עס צינדט זיך אָן אַ פייער אַלאַרם עפנט זיך עס אויטאָמאַטיש אויף.

די ספּעציעלע 'אָפּענע טיר', פאַרקערפּערט אייגנטליך וואָס לב טובה איז. ביז איצט, ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ שמחה אָדער אַן עמוירדזשענסי ביי אַ משפּחה פון אונזער היימישער ציבור מיט אַ קינד מיט ספּעציעלע געברויכן, זענען נעבעך אַלע טירן געווען פאַרשלאָסן פאַר זיי. איצט, אַדאַנק לב טובה, עפענען זיך ברייט די טירן פאַר די קינדער און משפּחות וועלכע דאַרפן עס, און עס שטעלט זיי צו פרישע מעגליכקייטן אין צייטן פון נויט.

פאַר מער אינפאָרמאַציע וועגן לב טובה, און פילע אַנדערע פּראָגראַמען וועלכע ווערן צוגעשטעלט דורך העס"ק סענטער דורכאויס די יאָר, רופט די אינטעיק דעפּאַרטמענט אויף 718.535.1953, אָדער קען מען זיך פאַרבינדן מיט זיי אויף hasccenter.org.

ערנסטע אַקטיוויטעטן פאַר צרכי עם ישראל המרובים אויף פאַרשידענע געביטן מאַכט ב"ה שטאַרקע פאָרשריט — מייסטערהאַפטע אַרבעט אַריינגעלייגט אין ספּעציעלע רייכע "סי־די" וועלכע וועט געשיקט ווערן צו אַלע סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט אין די פאַראייניגטע שטאַטן — שווערע געלטער שוין אינוועסטירט אין לעגאַלן פּראָנט אָנצוקלאָגן די ציוניסטישע פּאָליציי אין אינטערנאַציאָנאַלע געריכטן